# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

### מִלְחָמָה אוֹיפְן פִּינְטֶעלֶע שִׂמְחָה...

די הייליגע תּוֹרָה דערציילט אונז אַז נאָכדעם וואָס יַעֲקֹב און עֵשָׂו האָבן זיך געטראָפן, איז יַעֲקֹב אַריבער דעם טייך יַבֹּק און אַריבערגעפירט זיין גאַנצע מִשְׁפָּחָה מיט די פאַרמעגן אַריבער דעם טייך פאַרגעסנדיג דאָרט קליינע קריגעלעך, יַעֲקֹב אָבִינוּ גייט צוריק זיי נעמען.

עס איז אינמיטן נאכט, יַעֲקֹב אָבִינוּ געפינט זיך דאָרט אַליין אינעם שטאָק פינסטער, פּלוּצלינג קומט אים אַנטקעגן אַ מַלְאָךְ פון עֵשָׂו, ער קוקט אויס ווי אַ מענטש און הייבט זיך אָן צו שלאָגן מיט יַעֲקֹב.

דער מַלְאָךְ מיט יַעֲקֹב האָבן זיך אַזוֹי געשלאָגן, ביז דער מַלְאָךְ האָט געזען אַז ער קען נישט בייקומען יַעֲקֹב, האָט ער אים אָנגערירט ביים קנעכל פון די פיס און יַעֲקֹב איז געוואָרן הינקעדיג, אָבער יַעֲקֹב מיט זיין גרויסן כֹּחַ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט ביז דער מַלְאָךְ האָט זיך געבעטן צו אים "לאָמיר שוין גיין, ס'איז שוין פאַרטאָגס, איך דאַרף גיין זינגען שִׁירָה". "איך לאָז דיר נישט אָפּ, ביז דו וועסט מיר בענטשן!" האָט יַעֲקֹב געענטפערט: האָט אים דער מַלְאָךְ געבענטשט און יַעֲקֹב האָט אים אָפּגעלאָזט.

ר' נָתָן טייטשט די גאַנצע פַּרְשָׁה אַז די מִלְחָמָה צווישן יַעֲקֹב מיטן שַׂר שֶׁל עֵשָׂו איז געווען אַז דער שַׂר פון עֵשָׂו האָט געוואָלט פאַרלענגערן דעם גָלוּת, מען זאָל מער קיינמאָל נישט קענען אַרויסגיין פון גָלוּת חַס וְשָׁלוֹם. וויבאַלד דער זְמַן פון די גְאוּלָה איז פאַרהוילן האָט ער געטראַכט אַז ער וועט זיך שטאַרקן אַנטקעגן די אידישע קינדער בִּכְלָלִיּוּת און בִּפְרָטִיּוּת קעגן יעדן איד באַזונדער.

דערפאַר האָט ער זיך געשלאָגן מיט יַעֲקֹב וואָס פון אים הייבט זיך אָן דער עִיקַר קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל. וואָס איז די עִיקַר קְדוּשָׁה? זאָגט דער רֶבִּי אויף עטליכע פלעצער אַז דאָס איז "שִׂמְחָה" אַזוֹי ווי דער פָּסוּק זאָגט: "יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל".



די גאַנצע מִלְחָמָה פון עֵשָׂו קעגן יַעֲקֹב איז געווען אויף דעם פינטעלע, "שִׂמְחָה..." ווען דער מַלְאָךְ האָט געזען אַז ער קען נישט בייקומען און שעדיגן יַעֲקֹב וואָס איז געווען גאָר הייליג און אָפּגעהיטן בִּקְדֻשָּׁה, האָט ער אים אָנגערירט אין די פיס, זאָגט אויף דעם דער מִדְרָשׁ אַז דאָס ווייזט אויף די לעצטערע דורות, עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא, דאָרט

הָאט דֶער מַלְאָךְ זִיךְ גֶעוָואלְט פַארְלֵייגְן, אָבֶער יַעֲקֹב הָאט זִיךְ קֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיךְ דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן עֵשָׂו'ס פּוֹיסְט.

דֶער מַלְאַךְ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ יַעֲקֹב: "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר" טַייטְשׁ ר' נָתָן אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער מַלְאָךְ הָאט אָפְּגֶעטוּן דָאס זַיינִיגֶע אוּן שְׁוֶוער גֶעמַאכְט פַּארְ'ן לֶעצְטְן דוֹר מִיט עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערֶע גָלוּת-פֵּיין הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואלְט אָפְּטוּן פוּן יַעֲקֹב, עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַארְטָאגְס וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער כַאפְּן דִי צִיצִית מִיט תְּפִלִּין מִיט זְרִיזוּת אוּן פְרֵייד, מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה - וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען מַעֲלָה אַלֶע נִיצוֹצִין פוּן דִי קְלִפּוֹת - זָאגְט דֶער מַלְאָךְ: שַׁלְּחֵנִי! אִיךְ דַארְף גֵיין זָאגְן שִׁירָה בְּשִׂמְחָה וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע חִיוּת פוּן אַ מַלְאָךְ צוּ זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה.

לַיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אוּנְז קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מִיט אַ טַעֲנָה פוּן מָה אֱנוֹשׁ.. "דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַיינְגֶעטוּנְקְן אִין אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק עַצְבוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְד צוּ זָאגְן שִׁירָה!" טַעֲנֶה'ן דִי מַלְאָכִים: וָואס דִי מַלְאָכִים וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז אַדְּרַבָּה, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר לוֹיבּ פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיף אַ פְרֵייליכֶע מִצְוָה פוּן דֶעם טְרוֹיעֶרִיגֶע וֶועלְט.. וֶוען מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ'ן כֹּחַ הַצַּדִּיק צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן טְרוֹיעֶר צוּ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן.

זָאגְט אִים יַעֲקֹב: "דוּ ווִילְסְט זִיךְ גֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל זָאגְן שִׁירָה, אוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִילְסְטוּ אַרַיינְוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין צַעַר יָגוֹן וַאֲנָחָה; יֶעצְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט שִׂמְחָה ווִילְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן?" נֵיין! יַעֲקֹב כַאפְּט אִים אָן אוּן זָאגְט אִים: " אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט גֵיין, פַאר דוּ גֶעבְּסְט זֵיי אַ בְּרָכָה" וַוייל אַ בְּרָכָה קוּמְט פוּן שִׂמְחָה, יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן דִי יָגוֹן וַאֲנָחָה אִין שִׂמְחָה אַרַיין, דֶער שְׁטִיק עֵשָׂו זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ וֶוערְן אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן דִי אִידְן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי גוֹיִם אַלֵיין קוּמֶען אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי אִידְן.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וֶועלְן אַיינְזֶעֶן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

## א געשמאקע תפלה



רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף אוּנְז מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְווֹת פוּן חֲנוּכָּה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, מִיר זָאלְן דִיר אַסַאךְ לוֹיבְּן אוּן זָאגְן הַלֵּל מִיט פִּיל שְׁטַארְקֶע פְרֵייד, מִיט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת, בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט בַּאשְׁטִימְט פַאר אוּנְז דִי אַכְט טֶעג חֲנוּכָּה 'לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל', וָואס דָאס אִיז דִי שַׁעֲשׁוּעַ הָעוֹלָם הַבָּא.

זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה מְקַיֵּים צוּ זַיין דַיינֶע מִצְווֹת בֶּאֱמֶת, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיף אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דִי שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, וָואס דָאס אִיז - דַאנְקֶען דַיין גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע נָאמֶען, וּבִפְרָט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה וָואס זֵיי זֶענֶען טֶעג פוּן הוֹדָאָה. בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְנֶעעֶנְטֶערְן צוּ דִיר בֶּאֱמֶת, אוּן דִיר דֶערְקֶענֶען אוּן דִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג. (גענומען פון ליקוטי תפלות, תפלה ב' ח"ב)

# איין אשה'לע



אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה

ס'אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פַאר מִנְחָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מַיין בְּרוּדֶער לֵיינְט אַ בִּיכְל, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען עֶס מִיר גֶעבְּן אוּן בִּיזְדֶערְוֵייל הָאט עֶר גֶעזָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי בִּיכְל אוּן עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי צוּזַאמֶען מִיט מַיין בְּרוּדֶער, ס'אִיז דָאךְ אַ גוּטֶע זְמַן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג.

וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט עֶר זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ אַ גֶעשְׁמַאקֶע צוּקֶערְל, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.




## מֶען פַאלְט...

מְלַמֵּד אוּן דִי גַאנְצֶע הַנְהָלָה. אִינְמִיטְן סֵדֶר וֶוען אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶע'חַזֶר'ט דִי לִמּוּדִים מִיט זֵייעֶרֶע חַברוּתוֹת, זֶענֶען שָׁאוּל אוּן סֶענְדֶער גֶעזֶעצְן אוּן זִיךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן אַלֶעמֶען, מִיט זִיבְּן חֶשְׁבּוֹנוֹת פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אִין אַלֶעס גֶערֶעכְט...

זֵייעֶרֶע פִיל יְדִיעוֹת הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְן, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט שָׁאוּל - דֶער גֶעוֶועזֶענֶער מֻצְלָח - בַּאקוּמֶען אַ צֵייכְן פוּן 40% (!) וָואס עֶס פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ. דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ אִיבְּרִיגֶע פַאלְשֶׁע אוֹיבֶּער-חָכְמוֹת.

המשך פון זייט 12

דֶער מְלַמֵּד פוּן זַיין זַייט, הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט גוּטְנְס זֵיי צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ צוּרִיקְדְרַייעֶן, אוּן אָנְפַאנְגֶען אַ נַייעֶ בְּלַאט. אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל בְּלוֹיז גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אוּם-דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיף אַ חוּצְפָּה'דִיגֶע שְׁפְּרַאךְ.

בֵּיידֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט גֶעוֶוען קְלוּגֶע לַמְדָנִים, זֶענֶען אִין דִי לֶעצְטֶע חֳדָשִׁים גֶעוָוארְן אוּמְבַּאוּוילִיגְט בַּיי דִי חֲבֵרִים, אוּן אֲפִילוּ אִין דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע בֵּית מִדְרָשׁ הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זֶען, אַז אַ בּוֹר וָואס אִיז לֵיידִיג פוּן תּוֹרָה, וֶוערְט גַאנְץ שְׁנֶעל אָנְגֶעפוּלְט מִיט נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים.




*אין קורצן פון פריער:*

*ר' נתן ווילט דעם ערשטן ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן און קען זיך נישט גענוג אנזעטיגן פון רבי'נס הייליגע תורות און עצות.*

מוצאי יום טוב. מען מאכט הבדלה. די חסידים געזעגענען זיך פונעם יום טוב. א חלק עולם פאקן די רענצלעך זיך גרייטנדיג צו נעמען א פערד און וואגן אהיימצופארן, א חלק עולם וויל נאך בלייבן אריינצוכאפן וואס מער צו ווילן אין שאטן פונעם גרויסן ליכט. ר' נתן איז געווען פון די צווייטע גרופע. ער האט זיך נישט געקענט געזעגענען איז ער טאקע פארבליבן אין ברסלב זיך צו ווארימען ביים רבי'נס פייער.

וואס טוט ר' נתן דארט אין ברסלב? יעדע מינוט מיטן רבי'ן איז אים הייליג און טייער און ער ניצט עס אויס ביז צום מאקסימום. ווען אימער ער האט נאר געהאט א געלעגנהייט האט ער אויסגענוצט צו שמועסן מיטן רבי'ן. ביי איין אזא שמועס, ווען ר' נתן האט גערעדט מיטן רבי'ן פריוואט, האט ער זיך אויסגערעדט זיין הארץ איבער זיינע פילע שוועריגקייטן אויסצופירן זיינע שטארקע רצונות ביים דינען דעם הייליגן באשעפער און צו אויסניצן זיינע טעג נאר מיט תפלה און מעשים טובים.

דער רבי האט אים אויסגעהערט און דאן מדריך געווען מיט פארשידענע עצות אין עבודת השם וואס ר' נתן האט אנגענומען מיטן פולסטן ערנסקייט. דער רבי האט אויך געהערט פון ר' נתן איבער אלע רדיפות וואס ער האט אויסצושטיין פון זיינע נאנטע וועלכע פארשטייען אים נישט איבער זיינע נייע עבודות און דער רבי האט אים מחזק געווען און צווישן אנדערע געזאגט: "אויב דו ווילסט טאקע דינען דעם באשעפער דאן וועלן די אלע שוועריגקייטן פארשווינדן ווערן מיט דער צייט".

אזוי האבן זיי אסאך פארברענגט ווען דער רבי ווייזט אן פאר ר' נתן וויאזוי זיך צו פירן. דער רבי אליין האט אויסגעשטעלט פאר ר' נתן געוויסע הנהגות פאר זיין תיקון הנפש. מיר ווייסן נישט פונקטליך וואס דאס איז געווען

נאר צווישן די הדרכות וואס מיר ווייסן יא זענען געווען: לערנען אכצן פרקים משניות יעדן טאג; יעדן טאג אן א אויסנאם זאל ער לערנען שלחן ערוך – וויניגסטנס איין סעיף; ער זאל נישט עסן אינדערוואכן א מאכל וואס קומט פון א באשעפעניש (ווי פיש פלייש אייער מילכיגס) און צוויי מאל דורכאויס זיין לעבן זאל ער זיך נוהג זיין צו בלייבן אויף פאר צוויי טעג אין איין צי, אן צו שלאפן די נאכט אינצווישן.

אזוי שמועסנדיג, זענען זיי ביידע ארויס אין גאס און צוזאמען שפאצירט ביזן נעבן דער שול. טייערע קינדער, שטעלט אייך פאר וואס פאר א זכיה ר׳ נתן האט געהאט צו שמועסן מיטן רבי׳ן פערזענליך פנים בפנים. דער רבי האט מיט זיין הייליגע ארעם ארומגענומען ר׳ נתן און געזאגט: ״און ווייטער עס איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ פאר השם יתברך אזוי ווי מען רעדט זיך אויס פאר אן אמת׳ער גוטער פריינד״.

מיט די דאזיגע ווערטער האט ר׳ נתן באקומען א נייעם וועג אויף זיין לעבן וויאזוי צו קענען צוקומען צו יעדע זאך אין עבודת השם צו רעדן צום באשעפער און זיך בעטן ביי אים אויף אלע סארטן אופנים מיט רצונות, כיסופין אויף יעדן סארט פאל אין יעדן פלאץ אויף דער וועלט באקומענדיג די געוואלדיגע עצה, ׳רעדן צום באשעפער׳.

ענק הערן קינדער וואס דא איז פארגעקומען? ר׳ נתן הערט אן עצה פונעם רבי׳ן און גלייך איופן פלאץ פירט ער עס אויס אויף למעשה. ער גייט אריין אין א שול און ער מאכט זיין ערשטע התבודדות אין זיין לעבן!

שבת שובה

שבת קומט צו גיין. ר׳ נתן קען זיך נאך אלץ נישט געזעגענען. טראצדעם וואס ער וואוינט א קורצע מהלך אהיימצופארן בלייבט ער פארט אין ברסלב איבערן שבת. און אזוי איז ער זוכה צו הערן נאך טיפע תורות פון רבי׳נס הייליגע מויל. עס איז אפשר באקאנט פאר עטליכע פון אייך די באוואוסטע תורה, תורה ו׳ וואו דער רבי רעדט איבער די יסודות פון תשובה; פארמערן דעם אויבערשטנס כבוד און די זעלבע צייט באזייטיגן דעם אייגענעם כבוד שווייגנדיג, וואס דאס טוט שוואכער מאכן דעם כח פונעם יצר הרע אין דער מענטש.

דער רבי גייט אריין דארט טיפער אין דעם ענין פון תשובה מיט רמזים און סודות התורה, אזוי אויך די באקאנטע עצה פון רבי׳ן פון ׳המתן׳ אז ווארטן איז נישט קיין שטראף נאר עס איז צוגעגליכנט צו א מענטש וואס גייט אריין אין א געשעפט פון שמעקעדיגע אוילן און ער וויל קויפן געשמאקע שמן אפרסמון זאגט אים דער געשעפטס מאן, ׳המתן – ווארט צו׳ קודם וועל איך סערווירן די אנדערע קונדן וואס קומען קויפן בענזין די שוואכע קוואליטעט סחורה און ערשט נאכדעם וועלן מיר ביידע ארומגיין זיך אנשמעקן מיט די טייערע גוטע אוילן און בשמים. דאס איז די מתנה פאר דער וואס איז גרייט צו ווארטן...

# אן אייביגע ”לאטקע“

יענקעלע איז געווען א יתום. ער האט נעבעך נישט געקענט וואוינען אינדערהיים ווי אלע קליינע קינדער וועלכע האבן א ווארימע טאטע און מאמע וואס זארגן זיך פאר זיי. די פארוואלטער פון קינדערהיים זענען טאקע געווען עקסטער געטריי און איבערגעגעבן צו די נעבעכדיגע יתומים אבער עס האט אים געפעלט די ווארימקייט פון א ליבע משפחה. בייזנאכט אין די טינקלקייט, ווען ער איז געלעגן אין בעט האט ער גע'חלומ'ט פון זיין ליבע מאמע און טאטע פון וועמען ער איז אזוי ווייט. אינמיטן האט ער געפילט ווי זיין קישן ווערט נאס. אוי, זיינע טרערן זענען גערינען אן רשות און אים פארפלייצט מיט פליסיגקייט.



פון צייט צו צייט פלעגט זיך יענקעלע אריבערכאפן קיין קטמון וואו עס האט זיך געפונען די ברסלב'ער שול. דארט צווישן אנ"ש האט יענקעלע זיך געשפירט פארזיכערט. די ווארימע ווערטער פון רבי'ן וואס ער האט דארט געהערט האט אים אנגעווארעמט זיין פאר'חלש'טע הארץ.

חנוכה. יענקעלע בענקט צו זיין היים. צו זיין טאטענ'ס הייליגע לעכט צינדן. אוי, זיין מאמע'ס הייסע לאטקעס. זיין הארץ גייט אויס פאר בענקשאפט. זיינע פוס האבן פון זיך אליינס זיך ארויסגעלאזט אויף דער באקאנטער וועג קיין קטמון. ער האט אריינגעשפאנט אין שול און זיך אויסגעמישט צווישן עולם און זיך איינגעהערט צו די הייליגע ווערטער פון רבי'ן וואס די ברסלב'ער לייט האבן דארט ארומגערעדט. די ריקודים און פייערליגע טענץ האט אים ממש דערקוויקט. נאך א לאנגע חנוכה פארברענג האט יענקעלע'ס הארץ געשפירט אנגעזעטיגט אבער זיין קערפער האט נישט געוואלט פארגעסן אז ער האט פארפאסט דעם נאכטמאל אין קינדערהיים. יא, זיין נשמה איז זאט אבער וואס איז מיט זיין מאגן? ער איז הונגעריג, מ'קען זיך נישט ארויסדרייען פון עסן. יענקעלע וויל עפעס נעמען אין מויל אבער סאיז נישט געווען וואס. אין יענע צייט האט געהערשט א שרעקליכע הונגער. סאיז קוים געווען אביסל ברויט צו באקומען. אבער בייזנאכט איז שוין אלעס געווען אויסגעלייזדיגט.

שעמעוודיגערהייט האט זיך יענקעלע צוגעשלייכט צו ר' שמואל שפירא ז"ל.

”איך בין הונגעריג,“ האט ער ארויסגעשטאמלט שטיל. ר' שמואל האט געעפנט זיינע מילדע אויגן אויפ'ן נעבעכדיגער יתומ'ל וואס האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן פאר אים.

”זיכער, יענקעלע,“ האט ר' שמואל אים געענטפערט מיט רחמנות, ”קום מיט מיר אהיים וועל איך דיר בל"נ געבן א לאטקע.“ און ר' שמואל איז אהיים מיט יענקעלע אים צו קענען געבן א לאטקע. דאס איז געווען א גרויסע מציאה אין יענע הונגעריגע צייטן.

ר' שמואל שפאנט אריין אין הויז אין גייט גלייך אריין אין קאך צו זיין רעביצין. ”וואו זענען די לאטקעס?“ פרעגט ער איר, ”יענקעלע איז הונגעריג“.

”אה“, קרעכצט די רעביצין פריידא, אפילו א ברעקל איז שוין נישט געבליבן. די הונגעריגע קינדער האבן אלעס אויפגעגעסן...“

”אוי וויי“, האט ר' שמואל ארויסגעקרעכצט, ”וואס וועט זיין מיט יענקעלע? ער איז הונגעריג. כ'האב אים דאך אנגערייצט מיט א לאטקע.“

ר' שמואל האט געהאט גרויס עגמת נפש פון דעם וואס יענקעלע האט נישט באקומען א לאטקע. ער האט עס געדענקט אלע זיינע לעבענ'ס טעג אפילו לאנג נאכדעם וואס יענקעלע האט שוין פארגעסן דערפון.

דעם אנדערן טאג איז געווען פרייטאג. ר' שמואל האט איינגעלאדענט יענקעלע צו די סעודות און אים שטארק מכבד געווען. און יעדעס מאל ווען ער האט אים געטראפן האט ער אים נאכאמאל איבערגעבעטן און אים מכבד געווען מיט וואס ער האט געהאט.

ר' משה בורשטיין ז"ל האט דערציילט אז ר' שמואל איז אמאל געוואר געווארן אז ער פלאנט צו פארן אויף וואקאציע האט ער אים געבעטן אז ער זאל מיטנעמען דעם יתום יענקעלע און אים מכבד זיין.

מיט ר' שמואל'ס רחמנות האט יענקעלע זיך פארדינט מער ווי א לאטקע. ער האט שטענדיג געהאט א פלאץ אין ר' שמואל'ס הארץ און ווען אימער ר' שמואל האט אים באגעגנט, האב ער אים ווידעראמאל איבערגעבעטן.

# געווינען די לאטערי




**יארצייט פאלט אויס**
**כ"א כסלו**

אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע פוּן פִיר יָאר אַלְט אִיז עֶר גֶעוֶוען וֶוען זַיין טַאטֶע אִיז לֹא עָלֵינוּ נִפְטָר גֶעוָוארְן.

וֶוער אִיז דָאס דֶער קְלֵיין אִינְגְל?! עֶר הֵייסְט חַיִּים בִּנְיָמִין, שְׁפֶּעטֶער בַּאוואוּסְט גֶעוָוארְן אַלְס ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד, וֶועלְכֶע אִיז גֶעבּוֹירְן אִין וַוארְשָׁא, פּוֹילְן. זַיין אֵיידֶעם אִיז אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן גֶעוֶוען דֶער בַּאקַאנְטֶער מַגִּיד, ר׳ יַענְקֶעלֶע גַאלִינְסְקִי זַ"ל.

וִויבַּאלְד זַיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, הָאט זַיין מַאמֶע, דִי אַלְמָנָה גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם עוֹל צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ פַאר אִירֶע צְוֵויי טֶעכְטֶער אוּן פַאר אִיר אִינְגֶעלֶע חַיִּים בִּנְיָמִין. זִי הָאט זִיךְ אֲפִילוּ גֶעדַארְפְט פַארְדִינְגֶען צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען צָאלְן שְׂכַר לִמּוּד פַאר אִיר בַּאלִיבְּטְן קִינְד.

נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט וָואס זִי פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין אַרְבֶּעטְן אִיז לַיידֶער אִיר פִיס גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן אַזוֹי אַז פַאר אַ לַאנְגֶע תְּקוּפָה הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ. אוּנְזֶער חַיִּים בִּנְיָמִין הָאט גוּט גֶעשְׁפִּירְט דָאס אָרֶעמְקַייט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיט.

אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּלִיצְט אַ לִיכְט פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית צוּ לִיכְטִיג מַאכְן דִי אַלְמָנָה מִיט אִירֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אוּן דִי טֶעכְטֶער זֶענֶען אִינְטֶערְגֶעוַואקְסְן גְרֵייט פַאר שִׁידוּכִים - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְחוּתָּן אוּן חֲתוּנָה מַאכְן אִין אַזַא אָרֶעמְקַייט - הָאט אֵיין טָאג אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אַ אִיד וֶועלְכֶער הָאט פַארְקוֹיפְט לָאטֶערִי צֶעטְלֶעךְ. מִיט זַיין גֶעשְׁלִיפְן צִינְגְל הָאט עֶר אִיר צוּגֶערֶעדְט צוּ קוֹיפְן אַ לָאטֶערִי טִיקֶעט. עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אִירֶע טַעֲנָה׳רַייעֶן אַז זִי פַארְמָאגְט נִישְׁט קַיין אִיבֶּערִיגֶע פְּרוּטָה אִין שְׁטוּבּ. דֶער אִיד הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט אוּן זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז זִי קוֹיפְט אַ קַארְטְל. מִיטְ׳ן הִילְף פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִי גֶעוִוינֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט וָואס הָאט גֶעדֶעקְט בֵּיידֶע חֲתוּנוֹת פוּן דִי טֶעכְטֶער אוּן הָאט נָאךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט רֶעשְׁט אוֹיךְ צוּ קֶענֶען זִיךְ שְׁפַּייזְן.

אַ בָּחוּר פוּן אַכְצְן יָאר אִיז חַיִּים בִּנְיָמִין גֶעוֶוען וֶוען סְ׳אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּמְגֶערִישְׁט עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער פוּן אַן אוּמְבַּאקַאנְטְן סֵפֶר, אִין וֶועלְכְן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט אוּן זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען אוֹיפְגֶעלָאכְטְן גֶעוָוארְן. נִישְׁט דִי אוֹתִיּוֹת הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶערָאכְטְן נָאר טַייכְן פוּן הִתְחַזְּקוּת, אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁוֶוענְקְט זַיין נְשָׁמָה. אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן הִתְרַגְּשׁוּת, וִוי עֶר וָואלְט גֶעוִוינֶען אַ לָאטֶערִי, נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע גֶעוִוינְס וִוי זַיין מַאמֶע... עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט גֶעוָואר וֶוערְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אַרוֹיסְגֶעבֶּער פוּן דֶעם סֵפֶר, בִּיז עֶס אִיז קְלָאר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז פוּן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, רֶבִּי נַחְמָן זי"ע. דָאס הָאבְּן אִים דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע אוּמַאנֶער חֲסִידִים אִין וַוארְשֶׁע שְׁטִיבְּל גֶעלָאזְט וִויסְן אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אֵיינֶער פוּן דִי חֲבוּרָה.

צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטִיבְּל אִיז אִים בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן רֶבִּי׳נְס צִיּוּן אוּן זַיין צוּזָאג וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. אִין יֶענֶע יָארְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרִינְגֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, נָאכְדֶעם וָואס דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם מַאכְט אִין רוּסְלַאנְד. אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי רוּסְן, דָאס מֵיינְט אַז גֶעזֶעצְלִיךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וֶועג אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי גְרֶענִיץ. אָבֶּער דִי שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן. עֶר מִיט נָאךְ נַיין חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעשְׁוֶוערְצְט דִי גְרֶענִיצְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן.

פוּן אוּמַאן הָאט חַיִּים בִּנְיָמִין גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט, עֶר וֶועט אִין דִי נָאנְטֶע צַייט זַיין צוּרִיק אַהֵיים, אָבֶּער רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן הָאבְּן דִי רוּסְן פַארְשְׁטַארְקְט דִי כֹּחוֹת אַרוּם דִי גְרֶענִיצְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוּמְמֶעגְלִיךְ עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיים פָארְן קַיין פּוֹילְן, אַזוֹי אִיז עֶר פַארְבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן.




# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

און וִוי עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי – רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳, וָואס הָאט דֶעם ׳בְּרִיוו׳ גֶעבְּרַאכְט:

״וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן:

אָט מַיין דֵעָה [מֵיינוּנְג] אִיז:

אַז סְ׳אִיז גֶעדְרִינְגֶען [סְ׳מוּז זַיין], אַז סְ׳אִיז גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט דָא אִין דֶער וֶועלְט! – און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דֶערִינֶען טוֹעֶה – זֵיי מֵיינֶען אַז סְ׳אִיז דָא אַ ׳מֶלֶךְ׳?!

אַדְרַבָּא פַארְשְׁטֵיי:

וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ דָאס [וִויאַזוֹי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ], אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן [אִיבֶּערְגֶעבְּן] צוּ אֵיין מֶענְטְשְׁן [מֶענְטְשׁ] אִין דֶער הַאנְט אַרַיין, אַז עֶר זָאל זַיין דֶער ׳מֶלֶךְ׳?! – סְ׳אִיז אַוַודְאַי קַיין ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט דָא״!

עֶנְטְפֶערְט דֶער ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳: ״אִיךְ הָאבּ זִיךְ [דָאךְ] דִיר גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַ ׳בְּרִיוו׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״!

פְּרֶעגְט אִים דֶער ׳חָכָם׳ (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳): ״הָאסְטוּ אַלֵיין גֶענוּמֶען דֶעם ׳בְּרִיוו׳ בַּיים ׳מֶלֶךְ׳, אוֹיס [פוּן] דֶער הַאנְט אַרוֹיס״?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: ״נֵיין! נָאר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם ׳בְּרִיוו׳ [אִין נָאמֶען] פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״!

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: ״נָא אַדְרַבָּא! הַיינְט זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אַז סְ׳אִיז גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן״!

פְּרֶעגְט עֶר אִים וִוידֶער (דֶער ׳חָכָם׳, דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳ – [פְּרֶעגְט פוּן] דֶעם אַנְדֶערְן ׳חָכָם׳ דֶעם ׳שְׁלִיחַ׳): ״זָאג מִיר נָאר: דוּ בִּיזְט זִיךְ [דָאךְ] פוּן דֶער ׳עִיר־מְלוּכָה׳, און דוּ בִּיזְט [דָאךְ] דָארְט גֶעוַואקְסְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] גֶעוָוארְן – [אוֹיבּ אַזוֹי] זָאג מִיר: הָאסְטוּ וֶוענְס [בְּמֶשֶׁךְ דַיינֶע יָאהְרְן] גֶעזֶעהְן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֵיין״! – [וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם ׳קֶענִיג׳ – וַוייל דֶער ׳קֶענִיג׳ בַּאוַוייזְט זִיךְ נִישְׁט, נָאר אִין זֵייעֶר וַוייטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייטְן].

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: ״הַיינְט זֶעה, אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט! אַז סְ׳אִיז בְּוַודְאַי גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן! וָוארְן אָט אֲפִילוּ דוּ, הָאסְט קַיינְמָאל דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט גֶעזֶעהְן״!

הָאט וִוידֶער דֶער ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳ גֶעפְּרֶעגְט: ״אַז סְ׳אִיז יָא אַזוֹי, וֶוער זֶע פִירְט

די מְדִינָה"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'חָכָם', דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם'): "דָאס? אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן קְלָאר!

וָוארְן אִיךְ בִּין דֶערִינֶען גֶענִיט [בַּאקַאנְט], אוּן מִיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן!

וָוארְן אִיךְ בִּין אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט אִין] לֶענְדֶער! בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין 'אִיטַאלְיָא'!

אִיז [דָארְט] אַזוֹי דֶער מִנְהָג: [אַז] סְ'אִיז פַּארְהַאנְדְן 'זִיבֶּעצִיג רַאטְהֶיירְן' [רַאטְגֶעבֶּער], אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוּיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה אַ [בַּאשְׁטִימְטֶע] צַייט! – אוּן מִיט דֶעם שְׂרָרָה'שַׁאפְט [צוּ זַיין פוּן דִי 'זִיבֶּעצִיג רַאטְגֶעבֶּער'], טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה, אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן"!

(דְהַיְינוּ: פְּרִיעֶר [קוֹדֶם] זֶענֶען דִי [זֵיי], דִי 'רַאטְהֶיירְן' [רַאטְגֶעבֶּער] – דֶערְנָאךְ גֵייעֶן דִי [זֵיי] אַרָאפּ, אוּן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אַרוּיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה – אוּן אַזוֹי אַלֶעמָאל אַנְדֶערֶע)!

הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע רֵייד, אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן 'חָכָם' (דְהַיְינוּ: דֶער 'שָׁלִיחַ') – בִּיז סְ'אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גֶעבְּלִיבְּן: "אַז סְ'אִיז בְּוַודַאי קַיין 'מֶלֶךְ' אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט דָא"!

הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶערוּפְן דֶער 'חָכָם' (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם'): "וַוארְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ דֶערְוַוייזְן קְלָאר, אַז סְ'אִיז בְּוַודַאי קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא"!

הָאט דֶער 'חָכָם' [דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם'] זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אִינְדֶערְפְרִי, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן 'חָכָם' דֶעם 'שָׁלִיחַ' – אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר אוֹיף דֶער גַאס, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן [קְלָאר], ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין 'טָעוּת', אוּן סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט פַּארְהַאנְדְן"! [אוּן זֵיי אַלֶע לֶעבְּן אִין אַ 'גְרוֹיסְן טָעוּת']!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין 'מַארְק'!

הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן: אַ 'זֶעלְנֶער'! – הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעכַאפְּט, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶען דִינְסְטוּ"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – [הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט]: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן דֶעם' מֶלֶךְ' זִינְט דוּ לֶעבְּסְט"?! – עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נֵיין"!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם', דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם' – אִים רוּפְן מִיר אַלְץ: "דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם") אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "זֶעה, אִיז דָא [פַּארְהַאן] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'נַארִישְׁקֵייט'"?!

(כְּלוֹמַר: דֶער 'סָאלְדַאט' דִינְט דֶעם 'מֶלֶךְ', אוּן עֶר קֶען אִים נִישְׁט – וָוארְן דֶער 'חָכָם' הָאט אַלְץ גֶעוָואלְט מִיט זַיין 'נַארִישֶׁער חָכְמָה' דְרִינְגֶען: "אַז סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא", כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען, צוּ אַ 'אָפִיצִיר' פוּן דֶעם 'חַיִל' [מִילִיטֶער] –

אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין רֵייד [אַ שְׁמוּעֶס] – בִּי זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶען דִינְסְטוּ"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – [הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט]: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ'"?! – [עֶנְטְפֶערְט עֶר]: "נֵיין"!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן [דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם', צוּם 'חָכָם' דֶער 'שְׁלִיחַ']: "אַדְרַבָּא, אָט זֶעה מִיט דִי אוֹיגְן [קְלָאר], אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה, אוּן סְ'אִיז קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא [אוֹיף דֶער וֶועלְט]! (וָוארְן דֶער 'אָפִּיצִיר' הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ')".

אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעבְּלִיבְּן: "אַז סְ'אִיז קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא"!

הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן: "קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט – וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ [נָאכְמֶער] וַוייזְן, וִוי [וִויאַזוֹי] דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה אִין גְרוֹיסֶע 'נַארִישְׁקֵייט'"!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן אוּמֶעטוּם ווּאוּ זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין 'טָעוּת'!

(כְּלוֹמַר: דִי [דָאזִיגֶע] 'חֲכָמִים', זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר 'חָכְמָה' פַארְגַאנְגֶען [פַארְקְרָאכְן] אִין אַזוֹינֶע 'נַארִישְׁקֵייט' – בִּיז זֵיי הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין 'טָעוּת').

אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' (כְּלוֹמַר: דָאס וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעקְלֶערְט אַז סְ'אִיז קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא), דָאס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי גֶעוָוארְן פַאר אַ 'מָשָׁל'! – אוּן ווּאוּ זֵיי הָאבְּן גֶעפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין 'טָעוּת', הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' פַאר אַ 'מָשָׁל': "[אַז] אַזוֹי־וִוי דָאס אִיז אֱמֶת, אַז סְ'אִיז דָא אַ 'מֶלֶךְ' – אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ"!

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] דִי וֶועלְט, אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן! – בִּיז סְ'אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְקוֹיפְן אֵיין 'פֶערְד', אוּן דֶערְנָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע – בִּיז זֵיי הָאבְּן אַלֶע פַארְקוֹיפְט – בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין צוּ־פוּס!

אוּן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעקְלֶערְט [גֶעפָארְשְׁט] דִי וֶועלְט! – אוּן הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַלְץ: "אַז דִי וֶועלְט אִיז אִין 'טָעוּת'"!

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן 'קַבְּצָנִים' [אָרִימֶעלֵייט] 'פוּס־גֵייעֶרס'! – אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט חָשׁוּב גֶעוֶוען! – אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָארְנִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט, אוֹיף אַזוֹינֶע 'קַבְּצָנִים'!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (6)

**א. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**
- ❑ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ❑ ווייז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ❑ווארט און נעכטיג דא איבער.

**ב. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט ?**
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא חכם ווי איך.
- ❑ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא עושר ווי איך.

**ג. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**
- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ❑ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען נישט (ח"ו)

**ד. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**
- ❑ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך איף די וועלט.
- ❑ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ה. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך ?**
- ❑ ניין .
- ❑ יא.
- ❑ איינציגע מאל.

**ו. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה ?**
- ❑ דער מיניסטער.
- ❑ דער מלך.
- ❑ די זיבעציג ראטהיירין (שרי יועצים).

**ז. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צוויטן חכם דער שליח פון מלך?**
- ❑ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.
- ❑ קום לאמיר עפעס עסן.
- ❑ קום לאמיר גיין צום תם און אים אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ח. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט ?**
- ❑ זיי זענען זייער רייך געווארן.
- ❑ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט .
- ❑ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**מיט וועלבע מידה האט דעם חכם זיך געפירט צו ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו)?**

**וויפיל מאל האט דער חכם מוכיח געווען אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו) ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (5)❑

וועלבע זאבן פון די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון ? ליצנות

און וואספארא מעשיות נאך ווערט עס דערמאנט ? מעשה ג' און מעשה ו'❑

**דער געווינער אויף חכם ותם #5 איז הילד החשוב אהרן קיפניס, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# מֶען פַּאלְט...




*דֶער חָכָם נוּצְט אוֹיס זַיין צַייט, צוּ רֶעדְן מִיט זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּאַוֵייזְן אַז עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם בִּכְלָל נִישְׁט דָא קַיין קֶענִיג אוֹיפְן וֶועלְט.*

מִיר וֶועלְן זִיךְ דָא אוּמְקֶערְן צוּ שָׁאוּל דֶער חָכָם אוּן לַמְדָן, וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אִין כִּתָּה. דֶער מְלַמֵּד רוּפְט שָׁאוּל בַּיי הַפְסָקָה אִין וִוינְקְל, אוּן רֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים וָואס דַארְפְן פַארְבֶּעסֶערוּנְג.

שָׁאוּל קֶערְט זִיךְ אוּם פוּן שְׁמוּעֶס מִיט אַ בַּאלֵיידִיגְטֶע בְּלִיק: "דֶער מְלַמֵּד זָאל מִיר נִישְׁט אֵיינְטֵיילְן וָואס אַ כִּתָּה ח' יוּנְגְל דַארְף טוּן! אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן. אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיין קִינְד, נָאךְ אַבִּיסְל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּר-מִצְוָה. וָואס קְלֶערְט עֶר?..."

צוּבִּיסְלֶעכְוַוייז, פַּאנְגְט שָׁאוּל אָן צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער מְלַמֵּד, עֶר אִיז אוּמְפַּאסִיג, אוּן עֶר וֵוייסְט בְּעֶצֶם בִּכְלָל נִישְׁט וִויאַזוֹי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט גוּט מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען...

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהֶעצְט קֶעגְן דִי גַאנְצֶע הַנְהָלָה פוּן חֵדֶר, דֶער מְנַהֵל, אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ. וֶוען טָאג אוּן נַאכְט הֶערְט מֶען פוּן זַיין מוֹיל עֶרְנְסְטֶע בַּאקְלָאגֶענִישְׁן אוּן שְׁטַארְקֶע טְעָנוֹת.

אֲפִילוּ אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן וָואס עֶר פְּלֶעגְט הֲנָאָה הָאבְּן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אוּן אוֹיפְהֶעצְן אַלֶעמֶען, לְמָשָׁל דִי מַתְמִידִים אוּן דִי חֲלוּקַת-פְּרָסִים.

אָבֶּער דִי קִינְדֶער פוּן דִי כִּתָּה זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט. זֵיי הָאבְּן אָפְן גֶע'טַעֲנֶה'ט "שָׁאוּל, פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי? אוּנְזֶער מְלַמֵּד אִיז גָאר גוּט אוּן סְפֶּעצִיעֶל, עֶר גִיבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ עֶרְקְלֶערְן אוּן אָרָאפְּלֵייגְן דִי לִמּוּדִים אוֹיפְן בֶּעסְטְן שְׁטֵייגֶער. אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל, גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער טָאג אוּן נַאכְט צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶעס פָּארְט אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג אוּן דִי קִינְדֶער שְׁטֵייגְן אִין לֶערְנֶען אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

שָׁאוּל הָאט זֵיי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּאַוֵייזְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע הָאט עֶר זִיךְ גֶעדִינְגֶען מִיט סֶענְדֶער, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ עֶרְנְסְט קִינְד, אָבֶּער סֶענְדֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט, אוּן מִיט דִי צַייט הָאט עֶר נָאכְן זִיךְ אַזוֹיפִיל דִינְגֶען מִיט שָׁאוּל, אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּן צוּ אָנְנֶעמֶען אוּן בַּארֶעכְטִיגְן זַיינֶע טְעָנוֹת.

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ מַשְׁקִיעַ זַיין זֵייעֶר צַייט אוּן שֵׂכֶל אִין טֶעגְלִיכֶע הֶעצֶרַייעֶן קֶעגְן דֶער

המשך אויף זייט 3


חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב מרדכי פריעדמאן הי"ו
לרגל אירוסי בנו הבה"ח חיים ברוך למזל טוב